ב"ה

אונזער הייליגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און באריכטן פון ת"ת עבודת משולם פייש ד'טאהש

## פרשת ויקהל פקודי תשפ"ו / גליון כ"ב

תלמוד תורה
עבודת משולם פייש
טאהש
מאנסי יצ"ו

# פונעם סגן מנהל'ס טישל

א באריכט מה נעשה ונשמע בקרב מוסדותינו הקדושים
מיט'ן געטרייע סגן מנהל
**הרב משה מרדכי שטיינבערגער שליט"א**

## קימו וקבלו באהבה

מיט אט די ווערטער איז די פאסיגסטע צו אנפאנגען די וואך ווען מיר שטייען אצינד נאכן אפ פראוועגען אזא געהויבענע יום טוב פורים וואס עס איז אריבער אויף אונז מיט גרויס דערהויבנקייט ווי עס פאסט. עס איז צום האפן אז יעדער זאל האבן אויסגענוצט דעם יו"ט דעם מאקסימום וואס עס איז שייך. און האבן געפייעלט אלעס גוט'ס לנו ולכל ישראל.

אבער דא בין כותלי המוסדות אנערקענט זיך עס אויף א גאר שטארקע און געהויבענע פארנעם. נאכדעם וואס די לעכטיגע קינדער האבן זיך געגרייט ווי עס פאסט פאר די לעכטיגע זיסע קינדערלעך פון די טאהש'ע חדר. ווי מען האט געלערנט איבער די הייליגע יום טוב און זיך געגרייט אויף א פריידיגע שטימונג צום הייליג'ן יום טוב. אצינד יעצט ווען מיר שטייען שוין נאכן פראוועגען די הייליגע יום טוב אנערקענט זיך וויפיל די לעכטיגע קינדער האבן אויסגענוצט די הייליגע יום טוב. און תיכף נאך יום טוב האט מען זיך אנגעפאנגען גרייטן אויפ'ן גרויסן און הייליג'ן יום טוב פון פסח זמן חירותינו וואס שטייט שוין ביים שוועל. עס איז נישט מעגליך צו שילדערן פאר דער וואס זעהט עס נישט פון דערנאנט די מצב בין כותלי המוסדות ווען תיכף נאכ'ן פראוועגען די הייליגע יום טוב פון פורים, פיבערט שוין פעסט די הכנות צום הייליג'ן יום טוב פון פסח.

אבער ווען מען רעדט פון די הייליגע יום טוב פון פורים דארף מען אוואדי דערמאנען די כוחות וואס די קינדער האבן אריינגעלייגט אריינצוברענגען געלט פארן תלמוד תורה. וואס דאס אליינס האט אריינגעברענגט די סומע פון פינף הונדערט דאללער וואס דאס אליינס אז אזעליכע יונגע קינדער ברענגען אריין אזא סומע געלט זעהט מען די כוחות וואס זיי האבן אריינגעלייגט צו קלייבן נדבות פארן הייליג'ן מוסדות.

פאר מיר זענען מסיים וויל איך אפגעבן בשם אלע מרביצי תורה און די חשובע קינדערלעך. א הארציגע ברכת מזל טוב פאר הגה"צ די רב שליט"א לכבוד די אפשערן פון זיין לעכטיגע צדיק'ל הילד החשוב בנש"ק יצחק אייזיק סג"ל ני"ו פון די לעטיגע תלמידים פון נורסערי. השי"ת זאל העלפן ער זאל ווייטער זעהן אסאך נחת פון זיין לעכטיגע צדיקל און פון די גאנצע משפחה, און קענען ווייטער אנגיין מיט די עבודת הקודש אומ'געשטערט געזונטערהייט. און אן עקסטערע ברכת מזל אל מול פני הקודש פאר אבינו רועינו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לכבוד די אפשערן פון זיין לעכטיגע אייניקל. השי"ת זאל העלפן די רבי זאל זעהן אסאך נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט, און פון אונז די לעכטיגע תלמידים קרויים בנים.

השי"ת זאל העלפן מיר זאלן ווייטער זעהן אסאך נחת פון די לעכטיגע
און טייערע קינדערלעך.

*א גוט שבת*

*הר' משה מרדכי שטיינבערגער*

*845 376 4195*

# א בליק אריין אינעם תלמוד תורה

## צדקה גדולה

דעם פארגאנגענעם יו״ט פורים האבן זיך די לעכטיגע קינדערלעך תלמידי המוסדות אנגעשטרענגט אריין צוברענגען געלט למען החזקת המוסדות נאכדעם וואס מען האט צוגעגרייט די לעכטיגע קינדערלעך איבער די נושא פון גיין נאך געלט פורים פאר די הייליגע רבי׳ס חדר.

תענית אסתר איז די שליח המוסדות מו״ה אליעזר קרויס הי״ו ארום געגאנגען צווישן די כיתות און גערעדט צו די קינדער אביסל איבער די וויכטיגע נושא פון אריין ברענגען געלט און אויסגעטיילט די פושקעס פאר די לעכטיגע קינדערלעך זיי זאלן קענען ארום גיין נאך געלט און שאפן שיינע סכומים.

טאקע נאך יו״ט זענען די לעכטיגע קינדערלעך צוריק געקומען מיט די פושקע׳ס און עס האט זיך אנערקענט זייער שווערע ארבעט וואס זיי האבן געטוהן צו שאפן געלט פאר די הייליגע מוסדות. און דעמאלטס באקומען א שיינע מתנה געוואנדן לויט וויפיל געלט מען האט אריינגעברענגט.

וכאן המקום לעורר אז די חשובע עלטערן זאלן זיכער מאכן אויב זייער קינד האט נאכנישט צוריק געברענגט די פושקע זאל מען זעהן אז ער זאל עס צוריק ברענגען כדי ער זאל קענען באקומען זיין פארדינטע מתנה.

און דעם זמן ווילן מיר זיך באדאנקן פאר די חשובע עלטערן פאר׳ן באגלייטן די גאנצע פראיעקט אויף טריט און שריט און זיכער מאכן אז די קינדער גייען נאך געלט אויף א גאר פארזיכערטע אויפן.

## שלושים יום קודם החג

בין כותלי המוסדות פיבערט שוין העפטיג די הכנות צום הייליגן יום טוב פון פסח זמן חירותינו הבעל״ט ווי די לעכטיגע קינדערלעך הערן זיך צו וויאזוי די חשובע מלמדים פארציילן די מעשה פון יציאת מצרים. און לערנען אויס די הייליגע סימנים וואס מיר אידן זאגן ביים סדר.

ווי נאר מען קומט אריין אונעם בנין המוסדות הערט זיך ארויס ווי די קינדער זענען עוסק זיך צו גרייטן אויפ׳ן הייליג׳ן יום טוב ווי עס פאסט פאר אזעליכע לעכטיגע תינוקות של בית רבן וואס האבן די זכי׳ צו לערנען און די הייליגע טאהש׳ע חדר.

מיט א תפילה צום אייבערשטן אז עד הנה עזרנו רחמיך אז ברוך השם מיר זענען זוכה צו זעהן ווי אונזערע לעכטיגע קינדערלעך שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתויר״ש אבער ועל תטשנו לנצח, די אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן ווייטער זעהן אסאך נחת פון אונזערע לעכטיגע קינדערלעך געזונטערהייט. און קענען ריכטיג מקבל זיין אלע השפעות טובות פונעם הייליג׳ן גרויס׳ן יום טוב וואס שטייט שוין ביים שוועל.

## ברכת מזל טוב

פאר
**הגה״צ אבדק״ק** שליט״א
לרגל שמחת תגלחת בנו למז״ט
אן עקסטערע ברכת מזל טוב
פאר הילד החשוב **יצחק אייזיק סג״ל** נ״ו
פון די קלאס פון נורסערי
צו זיין אפשערן

פאר ידידינו מו״ה
מו״ה **ישראל מאיר גלויבער** הי״ו
לרגל שמחת תגלחת בנו למז״ט
אן עקסטערע ברכת מזל טוב
פאר הילד החשוב **יודא** נ״ו
פון די קלאס פון נורסערי
צו זיין אפשערן

פאר ידידינו
הרב **מרדכי דוד אונגאר** שליט״א
נכד רביה״ק זי״ע
לרגל שמחת הולדות בנו למז״ט
אן עקסטערע ברכת מזל טוב
פאר הילד החשוב **ישראל** נ״ו
פון די קלאס פון קינדערגארטן
צו געבורטס פון זיין ברודער

# א גריס

## פון די לעכטיגע קינדערלעך פון קינדערגארטן

פרשת כי תשא-מחצית השקל






די וואך האט די מלמד אויסגעשפילט די מעשה פון

**יוסף מוקיר שבת**





כל המענג
את
השבת
נותנים לו
נחלה בלי
מצרים

פרשת ויקהל – די מעשה פון די קו וואס רוהט שבת






די וואך האט די מלמד אויסגעשפילט די מעשה פון

**די פריץ מיט די מאנקי**






נאר
אמונה
און בורא
כל
עולמים

מזל טוב

קול ששון וקול שמחה

קול חתן וקול כלה

תלמוד תורה

עבודת משולם פייש

טאהש

מאנסי יצ"ו

# קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בחדוה דקדושה, ובהתרגשות עילאה, משגרים אנו מיטב ברכותינו בהדרתא להאי גאון וצדיק פאר מקדושים, נעים הליכות ורב תבונות, ענף עץ אבו"ת אהוב ונערץ בפי כל באי בית ה', מרביץ תורה ויראה, מורה ודאין, ממלל רברבן, על ישראל הדרתו כבוד שמו תפארת וגדולתו

## הגה"צ אבדק"ק שליט"א

ראש ווער הרוחני דמוסדותינו

לרגל שמחתו הגדולה השורה בביתו

## שמחת תגלחת בנו למזל טוב

הילד החשוב יצחק אייזיק סג"ל נ"י

מתלמידי מוסדותינו הק'

ובשמחה רבה ובחדוה עילאה משגרים אנו ברכת מזלא טב"א אל מול פני הקודש, מנורת הטהורה, עטרת תפארת ראשינו, מלכא מרנא ורבנא, צדיק כתמר יפרח

## הוד כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א

ימים על ימי מלך תוסיף שנותיו כמו דור ודור

ובכן נשמח כולנו יחד בשמחתו הגדולה, שמחת בית צדיקים, גזע אראלים ותרשישים ובעידן חדוותא יושפע לנו ממרומים, ברכות לרוב בכל מילי דמיטב בזכות הצדיקים הקדושים עדי נזכע לשמוע קול מבשר על ההרים, בביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א.

המברכים ברגשי הוקרה והערצה

**הנהלת המוסדות**

ובכן צדיקים יראו וישמחו וישרים יעלזו וחסידים ברנה יגילו

# פרוטה פרוטה מצטרפת לחשבון גדול

**פאלגענד איז די ליסטע פון די סיכומים וואס די לעכטיגע קינדערלעך**
**האבן אריינגעברענגט די יום טוב פורים לטובת מוסדותינו הקדושים**
**צוטיילט לויט די כיתות**

## כתה ב׳

**$240.00**

## כתה א׳

**$164.54**

## קינדערגארטן

**$46.92**

# סך הכל

# $451.46

די אייבערשטער זאל העלפן בזכות פונעם הייליג'ן רבי'ן וואס די מוסדות איז נקראת על שמו זאלן אלע זוסע קינדערלעך וואס האבן זיך אנגעשטרענגט און אריין געברענגט געלט לטובת די הייליגע מוסדות זיין געבענטשט מיט אלע ברכות און ווייטער שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים ומדות טובות.

# הרתודה והברכה

הגליון בשבוע זו נתנדב ע״י

## מו״ה דוד לעווין הי״ו

מחשובי הורי מוסדותינו הקדושים
לזכות בנו הילד החשוב משה נ״י-נורסערי
**ולע״נ הרה״ק ר׳ מרדכי בן הרה״ק ר׳ חיים מאיר זצ״ל**
בעל תורת מרדכי מוויזניץ
יומה דהילולא קדישא כ״ט אדר
ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן
ימלא הקב״ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה